

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

מטויים תשי"פ לפ"ק
גליון קכ"ח

## פראגע

### ווען קינדער קריגן זיך, זאלן זיך עלטערן אריינמישן?

## ענטפער:

אויסדרוקליך! מען דארף מחנך זיין קינדער זיך קיינמאל נישט צו קריגן. איך פארשטיי אז קינדער קריגן זיך במילא, אבער איר זאלט זיך נאך אלץ אריינמישן, איינמאל, נאכאמאל און נאכאמאל.

הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד; קינדער דארפן זיך אויסלערנען זיך דורכצוקומען. אייער הויז איז די היים וואו איר **טרעינירט** זיי פאר'ן לעבן. אויב מען טרענירט זיי זיך דורכצוקומען אין די הויז, וועלן זיי שפעטער זיך קענען דורכקומען מיט זייערע ווייבער, מיט זייערע מחותנים, מיט זייערע שותפים, מיט זייערע ארבייטער און מיט אלע אנדערע מענטשן. איר דארפט זיי טרענירן אין די הויז; איר דארפט רעדן וועגן שלום אגאנצן צייט.

עס פעלט נישט אויס זיי אייביג צו שלאגן, אבער מען דארף רעדן און רעדן און רעדן, ווייל א קינד איז א מענטש און סוף כל סוף גייט עס אריין אין זיין קליין קעפל. מען דארף אייביג רעדן צו קינדער וועגן שלום און אחדות מיט זייערע געשוויסטער. זאג, "האב ליב דיין ברודער." פאר אים איז עס א וויץ – ליב האבן א ברודער? ער שלאגט זיין קליין ברודערל. אבער ניין; לערן אים אויס ליב צו האבן זייער ברידערס. נאך א ווילע וועט ער אנהייבן אויסצוהערן; עס וועט אריינזינקען. עס גייט אריין.

ס'איז דא אסאך מער צו רעדן אויף דער נושא, אבער איך אנטשולדיג מיר אז אונזער צייט איז אויסגעלאפן פאר יעצט און איך דארף זיך אפשטעלן. (E-120)

## פראגע

### האט חלומות עפעס א משמעות אין אונזער לעבן?

## ענטפער:

עס ווענד זיך ווען – ס'איז א חילוק היינט פון יארן צוריק אדער אין די צייטן פון תנ"ך.

היינט צו טאגס מיינט עס כמעט גארנישט. "אין מראין לו לאדם אלע מהרהורי לבו" (ברכות נ"ה ע"ב) – היינט ווייזן חלומות נאר וואס מען טראכט בייטאג, און דערפאר אפטמאל איז עס היפש בזיונות צו זען די חלומות...

אמאל אמאל שיקט אונז הקב"ה א חלום אלס א ווארענונג – צומאל. עס קען זיין אמאל אז א חלום קומט אלס א ווארענונג און וועגן דעם זאגט די גמרא אז ס'איז א גוטע עצה צו גיין צו א חכם און אים בעטן צו מפרש זיין דעם חלום. איז לאמיר זאגן אז דער חכם וועט זאגן, "וואס איז געווען דיין חלום?" און דו וועסט זאגן, "עס טוט מיר אזוי וויי עס צו דארפן זאגן, אבער איך האב גע'חלומ'ט ווי מיין זון האט זיך דערטערענקט."

"אה" – וועט ער זאגן – דאס איז א וואונדערבארער חלום! עס מיינט אז דיין זון וועט זיין אזוי אריינגעטון אין לערנען, ער וועט שווימען אינעם **ים התלמוד**, ער וועט זיך דערטרענקען אין גמרא זיין גאנצע לעבן." און "ויהי כאשר פתר לנו כן היה" – לויט ווי ער איז מפרש דעם חלום, אזוי שפילט זיך עס אויס. איז מען קען גיין צו א חכם און ער איז פותר חלום. אבער אין אלגעמיין, רוב חלומות מיינען גארנישט.

אבער אין די אלטע צייטן, אין די צייטן פון די גמרא, האבן אפטמאל חלומות געהאט א באדייט, ווייל זיי האבן נאך געהאט רוח הקודש און דערפאר זענען חלומות געווען זייער ערנסט ביי זיי. און אין די צייטן פון תנ"ך, נאך מער! ווען דעם האבן חלומות א פלאץ אין אונזער היסטאריע.

דער אמת איז אז אין די צייטן פון די גמרא האבן נישט נאָר חלומות געמיינט עפעס. אויב מען וואלט געפרעגט א קליין אינגל, "זאג מיר א פסוק וואס האסט געלערנט היינט אין חדר?" און דער אינגל האט געזאגט א פסוק וואס ער האט געלערנט יענעם טאג, איז דער פסוק געווען עפעס פון א נבואה פאר דיר. אזוי איז געווען אין די צייטן פון די גמרא. אין יענע גרויסע צייטן האט דער אויבערשטער אונז נאך ערלויבט צו האבן א געוויסע העכערע צוטריט צו אינפארמאציע.

אבער היינט מיינט עס געווענליך גארנישט. זאכן האבן זיך געטוישט ווייל מיר זענען נישט גענוג גרויס. זייער לאנג צוריק האט זיי געהאט שייכות מיט מלאכים. דערנאך האבן זיך די מלאכים אויפגעהערט! אבער עס איז נאך אלץ געווען שדים. דאן זענען שדים אויך געקומען צו אן אפשטעל; און היינט זענען מיר געבליבן סתם אויף דער ערד מיט גארנישט – ווייל מיר **זענען** גארנישט. (999)

## פראגע

## וואסערע מחשבות זאל א פרוי האבן ווען זיך ארבעט אין די קאך?

## ענטפער:

שטעלט אייך א פאר א מאמע, זי איז אין איר קאך, זי גייט נישט צו קיין שיעורים. אין איר קאך אבער, לאמיר זאגן זי מאכט א מאלצייט צו פיטערן איר מאן און קינדער. זי טוט וואס דער אויבערשטער וויל זי זאל טון. "פותח את ידך" – דער אויבערשטער פיטערט די גאנצע וועלט, "ומשביע לכל חי רצון". און ער האט געזאגט "והלכת בדרכיו" – דו זאלסט גיין אין זיינע וועגן, דו זאלסט אים נאכמאכן. "מאך מיך נאך", זאגט השי"ת.

איז ווען זי לייגט ארויף די ברויט אויפ'ן טיש, איז זי א "נותן לחם לכל בשר", זי גיבט צו עסן פאר די וועלט, פונקט ווי דער אויבערשטער וויל זי זאל טון. ווען זי טוט דאס, און אויב זי **טראכט** אט די מחשבות, קען זי מאכן איר קאך פאר א בית המקדש. ס'איז במילא קדוש, אבער זי קען עס מאכן אסאך מער קדוש.

בשעת זי לייגט די עסן אויפ'ן געז-רענטש צום קאכן, זאל זי טראכטן אז ס'איז א קרבן, זי איז מקריב א קרבן אויפ'ן מזבח, זי פארברענט אויפ'ן מזבח א קרבן פאר השי"ת. ס'איז א "ריח ניחוח" – א געשמאקע גערוך פון די געקאכטע עסן פילט אן די גאנצע קאך, ס'איז א "ריח ניחוח לד'". דער אויבערשטער וויל אז אידן זאלן עסן כשר'ע עסן, און הנאה האבן דערפון.

און ספעציעל ווען מען זעצט זיך אראפ ביים טיש און מען זאגט "ברוך אתה ה' המוציא לחם מן הארץ", מען דאנקט השי"ת, און מען נוצט די עסן פאר'ן ציל פונעם לעבן, וואס איז צו אנערקענען דעם בורא מער און מער.

אלע זאכן אין לעבן זענען געמאכט פאר דעם צוועק, און אויב מיר לעבן פאר דעם ציל, האט אונז דער אויבערשטער מער ליב. ער זעט אז מיר ערפילן דעם תכלית פארוואס ער האט באשאפן די גאנצע וועלט.

דערפאר, אלעס אויף דער וועלט, אפילו מען זיצט אין אפיס און מען ארבעט פאר פרנסה, דארף מען טראכטן "איך טו עס לשם שמים, ווייל הקב"ה האט מיר געהייסן אויסצוהאלטן מיין בית המקדש. איך דארף באצאלן פאר עסן, איך דארף באצאלן פאר רענט אדער מארטגעדזש, איך דארף באצאלן שכר לימוד פאר די קינדער, ס'איז אלעס איין גרויסע מוסד פון קדושה, און יעצט ארבעט איך אויפצוהאלטן די קדושה דורכ'ן פארדינען געלט עס אנצוהאלטן ווייטער." אזוי ווערט די אפיס קודש קדשים, אויב מען טראכט דערוועגן. מען דארף טראכטן וועגן דעם.

דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט, **כבוד שמים איז טראכטן וועגן דעם**, דאס איז די וויכטיגסטע פרט אין די אלע נושאים, עס דארף ווערן א חלק פון די מהלך המחשבה. און ווען איר טוט דאס, ווייסט איר אז איר לעבט פאר א ציל.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

בריל‌אנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ח לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
שב"ק פ' שמיני תשע"ח לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**